30 (געבוירענעם) לויטן גייסט, אַזוי אויך איצט. נאָר
וואָס זאָגט דער פּסוק? טרייב אַרויס די דינסטמויד
מיט איר זון; וואָרום דער זון פֿון דער דינסטמויד
וועט נישט ירשענען מיט דעם זון פֿון דער פֿרייער
31 (פֿרוי). (בראשית כא, י.) דעריבער, ברידער, זענען
מיר נישט קינדער פֿון דער דינסטמויד, נאָר פֿון
דער פֿרייער (פֿרוי).

## קאַפּיטל פֿינף

1 צו דער פֿרייהייט האָט משיח אונדז פֿריי געמאַכט;
שטייט זשע פֿעסט, און לאָזט זיך נישט ווידער
איינשפּאַנען אין אַ יאָך פֿון קנעכטשאַפֿט.
2 אָט איך, פּאָולוס, זאָג אייך, אַז אויב איר לאָזט
3 זיך מל זיין, העלפֿט אייך משיח גאָרנישט. נאָכאַמאָל
זאָג איך עדות צו יעדן מענטשן, וואָס לאָזט זיך מל
זיין, אַז ער איז מחויב צו האַלטן די גאַנצע תורה.
4 איר זענט אָפּגעשניטן פֿונם משיח, איר, וועלכע
ווילן גערעכטפֿערטיקט ווערן דורך דער תורה; איר
5 זענט אָפּגעפֿאַלן פֿון דעם חסד. וואָרום מיר וואַרטן
אינעם גייסט אויף דער האָפֿנונג פֿון גערעכטיקייט
6 דורך אמונה. וואָרום אין משיח ישוע נישט די
מילה נישט די ערלה גילט עפּעס, נאָר אמונה,
7 וואָס ווירקט דורך ליבע. איר זענט גוט געלאָפֿן;
ווער האָט אייך געהינדערט, אַז איר זאָלט נישט
8 געהאָרכן דעם אמת? די איינרעדונג איז נישט פֿון
9 דעם, וועלכער רופֿט אייך. אַ קליין ביסל חמץ
10 מאַכט זויער דאָס גאַנצע טייג. איך בין בטוח וועגן
אייך אין דעם האַר, אַז איר וועט גאָרנישט אַנדערש
דענקען; דער אָבער, וואָס באַטריבט אייך, וועט
11 טראָגן זיין משפּט, ווער עס זאָל נישט זיין. איך